STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05069

14TER SHILER-KONKURS FUN KULTUR-KONGRES FAR ONHEYBSHULN UN MITLSHULN IN ARGENTINE

Permanent preservation of this book was made possible by Bernard & Gina Gotfryd in memory of their daughter, Eva Sharon Gotfryd

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

14 טער יערלעכער
שילער קאָנקורס

„שמעון דובנאָוו - הויז“

בוענאָס-איירעס 1967

14טער שילער־קאָנקורס פֿון קולטור־קאָנגרעס

פֿאַר אָנהייבשולן און מיטלשולן אין ארגענטינע

דורכגעפירט זונטיק, דעם 6טן אויגוסט

און זונטיק, דעם 13טן אויגוסט 1967

ערשטע פרעמיע פֿאַר אָנהייבשולן :

חייקעלע גלוז

צווייטע פרעמיע פֿאַר אָנהייבשולן :

שרהלע נעמי נעומאַן

דריטע פרעמיע פֿאַר אָנהייבשולן :

דינה מערין
גאָלדעלע סיגאַל

צו דערמוטיקן :

גיטעלע בעקערמאַן
מאָטעלע עפּשטיין

ערשטע פרעמיע פֿאַר מיטלשולן :

אסתר עדעלמאַן

צווייטע פרעמיע פֿאַר מיטלשולן :

חנה טריפּינקא

דריטע פרעמיע פֿאַר מיטלשולן :

צבי נח לאַנדוי
ליפּע ראָניגער

צו דערמוטיקן :

רות רבקה גרינבוים
אסתר נודעלסמאַן

דעם תּלמידים־קאָנקורס 1967
האָבן סובסידירט

ד״ר מאַרקאָס און בעלאַ
פרישמאַן
אסתּר פּאָדגאַעצקי
און חנה פּאַטליס

פ ר אָ ט אָ ק אָ ל

די זשורי פאַרן 14טן שילער־קאָנקורס פון די אָנהייבשולן און מיטלשולן אין באַשטאַנד פון די חברים: צבי בראָנשטיין, פון ועד החינוך; שבתי נייהויז, פון דער לערער־אָרגאַניזאַציע; הדסה האַל־פערין און בנימין עדעלשטיין, פון קולטור־קאָנגרעס, פאַרזאַמלט שבת דעם 26סטן אויגוסט, שבת דעם 2טן סעפּטעמבער און שבת דעם 9טן סעפּטעמבער 1967, האָט נאָכן איבערלייענען די 37 אַרבעטן פון די אָנהייבשולן און די 26 אַרבעטן פון די מיטלשול־תּלמידים, באַשלאָסן צו פאַרטיילן די פּרעמיעס אויף אַזאַ אופן:

פון דער אָנהייבשול:

ערשטע פּרעמיע פאַרן נומ׳ 14 — **חיהקע גלוז**, שילערין פון 7טן גראַד פּראָפ׳ חיים ווייצמאַן־שול, פלאָרעס, טעמע: אַ חלום.

צווייטע פּרעמיע פאַרן נומ׳ 22 — **שרהלע נעמי נעומאַן**, שילע־רין פון 6סטן גראַד „א״ שלום עליכם־שול, טעמע: אַ בריוו צו אַ חבר אין ישראל (צו אַ סאָלדאַט).

דריטע פּרעמיע פאַרן נומ׳ 10 — **דינה מעריז**, 6טער גראַד י. ל. פּרץ־שול, טעמע: אַ חלום.

דריטע פּרעמיע פאַרן נומ׳ 28 — **גאָלדעלע סיגאַל**, 6טער גראַד שלום עליכם־שול, טעמע: אַ חלום.

סטימול־פּרעמיע, פאַרן נומ׳ 24 — **גיטעלע בעקערמאַן**, 7טער גראַד שלום עליכם־שול, טעמע: אַ בריוו צו אַ חבר אין ישראל.

סטימול־פּרעמיע פאַרן נומ׳ 21 — **מאַטעלע עפּשטיין**, 7טער גראַד „ב״ שלום עליכם־שול, טעמע: וואָס דערציילט דער כותל המערבי.

פון דער מיטלשול:

ערשטע פרעמיע פאַרן נומ' 21 — **אסתר עדעלמאַן**, שילערין פון בית-ספר תיכון שלום עליכם, טעמע: „וואָס איך האָב צו זאָגן וועגן די יוני-געשעענישן אין ישראל".

צווייטע פרעמיע פאַרן נומ' 7 — **חנה טריפינקא**, שילערין פון לערער-סעמינאַר ביי דער קהילה, מחלקה 1, אָוונט, טעמע: „וואָס פאַר אַ באַוועגונג איז דער חסידיזם".

דריטע פרעמיע פאַרן נומ' 19 — **צבי נח לאַנדוי**, שילער פון לערער-סעמינאַר ביי דער קהילה, טעמע: „וואָס פאַר אַ באַוועגונג איז דער חסידיזם".

צווייטע דריטע פרעמיע פאַרן נומ' 8 — **ליפּע ראַניגער**, מחל-קה 1, אין אָוונט, פון לערער-סעמינאַר ביי דער קהילה, טעמע: „וואָס פאַר אַ באַוועגונג איז דער חסידיזם".

סטימול-פרעמיע פאַרן נומ' 26 — **רות רבקה גרינבוים**, שילע-רין פון בית-ספר תיכון שלום עליכם, טעמע: „וואָס האָב איך צו זאָגן וועגן די יוני-געשעענישן אין ישראל".

צווייטע סטימול-פרעמיע פאַרן נומ' 16 — **אסתר נודעלמאַן**, שילערין פון מחלקה ה' בית-ספר תיכון פּראָפ' חיים ווייצמאַן, טע-מע: „וואָס האָב איך צו זאָגן וועגן די יוני-געשעענישן אין ישראל".

שולן וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין 14טן תלמידים־קאָנקורס פון קולטור־קאָנגרעס אין אַרגענטינע

אָנהייבשולן:

ח. נ. ביאַליק־שול ו. סאַהאַרעס
חיים ווייצמאַן־שול
י. ל. פרץ־שול אין צענטער
צענטראַלע שלום עליכם־שול

מיטלשולן:

יידיש־העברעישער לערער־סעמינאַר ביי דער קהילה
שלום עליכם מיטלשול
י. ל. פרץ מיטלשול
מכון ללימודי היהדות
חיים ווייצמאַן־מיטלשול

ד י ז ש ו ר י:

צבי בראָנשטיין — ועד החינוך
שבתי נייהויז — לערער־אָרגאַניזאַציע
הדסה האַלפּערן — קולטור־קאָנגרעס
בנימין עדעלשטיין — קולטור־קאָנגרעס

שילערס וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין תלמידים־קאָנקורס 1967

מיטלשולן

בערנשטיין חיה
בערקאָוויטש יאָפע
גאָלדמינץ מרגלית
גינסבערג נחמה
גראַבאָוו בתיה
גרינבוים רות
האָאַר שלמה
הערבשטיין רחל
וויטשעלעווסקי ישראל
טאָקער עליזה
טריסינקאָ חנה
לאַנדוי צבי נח
ליכטיקשטיין חיה
מרגליות מרים
נאַדלער מלכה
נודעלסמאַן אסתר
סטאָליאַר שרה
עדעלמאַן אסתר
פּאָסקלינסקי רבקה
פרענקל פּנינה
פּרעס אילנה
קאַרשענבוים משה
קוקאָווקאָ מינדל
קליינער חנה לאה
קריטשמאַר נחמה
ראָניגער ליפּע

אָנהייבשולן

אייזנוואַסער גאָלדע
באָום חיים
בעקערמאַן גיטעלע
גאַטער דניאל
גאָלדפאַרב שרהלע
גאַרטענשטערן אבי
גאַרען שושנה
גילשטיין יהודית
גלוז חייקעלע
גריסקאָן מרים
גרינבוים דאַליאָ
וויסברויט לאהלע
וויינבערג מרים
וויינטרויב מיכעלע
וויינריב צירעלע
חפץ ליבעלע
טאפּאראָווסקי שושנה
יאַנקילעוויטש רות

לאַנד צירעלע
ליבקין מרים
לינד רפאל דוד
ליבערמאַן שרה אסתר
מיעזונער רייזעלע
מערין דינה
נעומאַן שרהלע
סיגאַל גאָלדעלע
עפשטיין מאָטעלע
פּאָקאָרסקי פּיוול

שיפּמאַן גאָלדעלע
פּעסקין ישראל
צעמבאַל ברכהלע
קראַמער לייזער
ראָזענטאַל דבורה
רובינשטיין עטעלע
רויטנבערג דבורה
שולאַק מלכה
שילד בן ציון

די טעמעס, וואָס די זשורי פונעם 14טן שילער־קאָנקורס האָט געגעבן אויסצוקלייבן די תלמידים פון אָנהייבשולן:

1) וואָס ווייס איך פון דער תקופה פון גלות־בבל און שיבת־ציון;
2) אַ בריוו צו אַ חבר אין ישראל;
3) וואָס דערציילט דער כותל המערבי;
4) איך האָב אָנטייל גענומען אין אַ שול־יום־טוב;
5) וואָסער ליד אָדער דערציילונג וואָס כ׳האָב געלערנט אין שול געפעלט מיר צום בעסטן און פאַר וואָס?;
6) פרייהייט־קאַמפן פון סאַן מאַרטין און געפין אויס אַן ענלעכע געשעעניש אין דער יידישער געשיכטע;
7) אַ חלום.

די טעמעס, וואָס די זשורי פונעם 14טן שילער־קאָנקורס האָט געגעבן אויסצוקלייבן די תלמידים פון די מיטלשולן:

1) פאַרטייען און סעקטעס אין דער תקופה פון בית־שני;
2) וואָס האָב איך צו זאָגן וועגן די יוני־געשעענישן אין ישראל;
3) סאָציאַלע מאָטיוון ביי אַברהם רייזען און י. ל. פרץ;
4) וואָס ווייס איך וועגן יידישן לעבן אין אַרגענטינע;
5) וואָס פאַר אַ באַוועגונג איז געווען דער חסידיזם;
6) אַ בריוו צו אַ חבר.

פרעמיעס און פרעמירטע אין 14טן תלמידים־קאָנקורס

ערשטע פרעמיע פאַר מיטלשולן:

אסתר עדעלמאַן

ד"ר י. צינבערג — די געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן 1-10

בלעטער פאַר יידישער דערציִונג

10 לידער פון י. ל. פרץ (מיט נאָטן)

צווייטע פרעמיע פאַר מיטלשולן:

חנה טריסינקאַ

ש. דובנאָוו — דאָס בוך פון מיין לעבן 1—3

ש. ניגער — י. ל. פרץ

בלעטער פאַר יידישער דערציִונג

10 לידער פון י. ל. פרץ (מיט נאָטן)

דריטע פרעמיע א׳ פאַר מיטלשולן:

צבי נח לאַנדוי

ש. ניגער — י. ל. פרץ

ש. ניגער — ש. אַש, זיין לעבן, זיינע ווערק

ש. ראַווידאָוויטש — שריפטן

10 לידער פון י. ל. פרץ (מיט נאָטן)

בלעטער פאַר יידישער דערציִונג

דריטע פרעמיע ב׳ פּאַר מיטלשולן:

ליפּע ראַניגער

ש. ניגער — י. ל. פּרץ
ש. ניגער — ש. אַש, זיין לעבן, זיינע ווערק
ש. ראַווידאָוויטש — שריפטן
10 לידער פון י. ל. פּרץ (מיט נאָטן)
בלעטער פאַר יידישער דערציִונג

צו דערמוטיקן:

רות רבקה גרינבוים

ש. ניגער — קריטיק און קריטיקער
10 לידער פון י. ל. פּרץ (מיט נאָטן)

2טע צו דערמוטיקן:

אסתר נודעלסמאַן

ש. ניגער — קריטיק און קריטיקער
10 לידער פון י. ל. פּרץ (מיט נאָטן)

פרעמיעס און פרעמירטע אין 14טן תלמידים־קאָנקורס

ערשטע פרעמיע פאַר אָנהייבשולן:

חיהקע גלוז

דאָס טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק
שלום עליכם — טביה דער מילכיקער
מענדעלע מוכר ספרים — פישקע דער קרומער
ה. ד. נאָמבערג — געקליבענע שריפטן
ז. וואַסערצוג — ד"ר יאַנוש קאָרטשאַק —לערער און דערציִער
10 לידער פון י. ל. פרץ (מיט נאָטן)

צווייטע פרעמיע פאַר אָנהייבשולן:

שרהלע נעמי נעומאַן

דאָס טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק
מאַרק ווארשאַווסקי — יִדישע פאָלקסלידער
ה. ד. נאָמבערג — געקליבענע שריפטן
ז. וואַסערצוג — ד"ר יאַנוש קאָרטשאַק — לערער און דערציִער
10 לידער פון י. ל. פרץ (מיט נאָטן)

דריטע פרעמיע פאַר אָנהייבשולן:

דינה מערין

דאָס טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק
יעקב דינעזאָן — יאָסעלע — דער קריזיס

ז. וואַסערצוג — ד"ר יאַנוש קאָרטשאַק, — לערער און דער־ציִער

10 לידער פון י. ל. פרץ (מיט נאָטן)

2טע דריטע פרעמיע פאַר אָנהייבשולן:

גאָלדעלע סיגאַל

דאָס טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק

יעקב דינעזאָן — יאָסעלע — דער קריזיס

ז. וואַסערצוג — ד"ר יאַנוש קאָרטשאַק, — לערער און דער־ציִער

10 לידער פון י. ל. פרץ (מיט נאָטן)

1טע דערמוטיקונג:

גיטעלע בעקערמאַן

דאָס טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק

10 לידער פון י. ל. פרץ (מיט נאָטן)

2טע דערמוטיקונג:

מאָטעלע עפשטיין

דאָס טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק

10 לידער פון י. ל. פרץ (מיט נאָטן)

אסתר עדעלמאַן, 15 יאָר
בית־ספר תיכון „שלום עליכם"
קאָנקורס־נומ' 21 ערשטע פרעמיע

וואָס האָב איך צו זאָגן וועגן די יוני־געשעענישן אין ישראל

5טער יוני 1967 — די נאָטיץ פון אַ נייער מלחמה האָט אַ ריר געטאָן די וועלט! אין קליין־אַזיע האָבן ייִדן און אַראַבער אָנגעהויבן קעמפן צווישן זיך! אַ מעכטיק קול רופט אין אונדז: מיר זיינען ייִדן! דאָס האָט זיך דער־הערט אין אַלע עקן וועלט וווּ ייִדן וווינען. אַראַבער האָבן אַרויסגערופן די ייִדן צום קאַמף און ייִדן זיינען אַרויס אָנטקעגן זיי אָן מורא, מיט ווילן און אָנשטרענגונג צו זיגן; און דאָס בעסטע און שטאַרקסטע געווער איז ביי זיי געווען די וווּנדערלעכע ליבע צום פאָלק און לאַנד; דער מוט האָט זיי געצוואונגען צו גיין פאָרויס, צום זיג.

קיינער האָט נישט געדאַרפט קלערן וואָס צו טאָן. יעדער איינער האָט געהאַט זיין פליכט און יעדער איינער האָט אים דערפילט מיט אַלץ וואָס ער האָט געקענט און ווי עס זאָל נישט זיין. מיט אַ מאָל איז דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק געוואָרן ווי איין משפחה; אַ גרויסע, צעזייטע, אָבער אַ פאַראייניקטע משפחה. און ייִדן פון דער גאַנצער וועלט, ווי ווייט זיי זאָלן נישט זיין, זיינען געווען גרייט און פעסט צו העלפן די ישראלדיקע ברידער, די וואָס האָבן געהאַט דעם זכות צו דערהייבן דעם ייִדישן נאָמען פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט.

אָבער מלחמה איז קאַמף, און קאַמף איז רציחה, און רציחה איז טויט. אַ טייערער פרייז האָט געקאָסט די קורצע מלחמה: אַ סך יונגע סאָלדאַטן זיינען געפאַלן; בחורים וואָס האָבן נישט געוואָלט קיין מלחמה, וואָס האָבן נישט געוואָלט שטאַרבן אַזוי יונג, אָבער זיינען געווען גרייט צו געבן און האָבן געגעבן דאָס לעבן פאַר ישראל.

יעדער איינער אין ישראל האָט געהאָלפן: מענער אויפן פראָנט, ווייבער אין רעטאַגוואַרד און קינדער ביי אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר געקענט טאָן. אין גלות האָט זיך ביי ייִדן, אַפילו ביי די וואָס האָבן זייער ייִדישקייט

געהאַט אַ ביסל פאַרגעסן — דערוועקט דאָס געפיל, אַז עס איז אַ גרויס געפאַר, סיי פאַר ישראל און סיי פאַר ייִדן אין זייער צעשפּרייטקייט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אונדזער לעצטע געלעגנהייט צו קענען בלייבן אַ פרייַ פאָלק אין אונדזער לאַנד ישראל, אַז נישט מצליח זיין וואָלט געווען דאָס גרעסטע אומגליק פאַר אונדז. און אַלע ייִדן ווי איין מענטש האָבן זיך אויפגעהויבן און געזאָגט: מיר זייַנען גרייט! אַ נייע מאָביליזאַציע האָט זיך אָנגעהויבן: ייִדן זייַנען עולה געווען; די גרעסטע טייל איז טאַקע געבליבן, אָבער אַלע האָבן זיך פאַראייניקט און געהאָלפן.

די גרעסטע גבורה אָבער, איז פון צבא הגנה לישראל, די מעכטיקע אַרמיי, וואָס האָט באַוויזן אַ שטאָט נאָך אַ שטאָט, אַ טעריטאָריע נאָך אַ טעריטאָריע; זייערע לעבנס זייַנען אונדז טייער, זייער טייער, געוויס, אָבער איין זאַך איז וויכטיק: צה״ל האָט דעראָבערט ירושלים, די הייליקע שטאָט, די שטאָט פון אונדזערע קעניגן און נביאים, די שטאָט פון בית-המקדש. ירושלים איז שטענדיק געווען די וויכטיקסטע שטאָט, די הויפּט-שטאָט, און ירושלים האָט שטענדיק דערוועקט בייַ ייִדן אַ ווונדערלעכע ליבע. ירושלים באַהאַלט אין זיך דעם הייליקסטן און איינציקן עד פון אַמאָליקן גלאַנץ: דעם כתל המערבי, דער איינציקער אָנדענק פון בית-המקדש, וווּ ייִדן האָבן זיך געזאַמלט אין גוטע צייטן זיך צו פרייען, און אין שלעכטע צו וויינען און געדענקען די ווייטע און גליקלעכע פאַר-גאַנגענהייט.

יאָ, צה״ל האָט דעראָבערט ירושלים, ירושלים איז נאָך אַ מאָל אין ייִדישע הענט, אין ירושלים פלאַטערט ווידער אַ מאָל די ייִדישע פאָן, און ירושלים איז נאָך אַ מאָל פול מיט שמחה, פול מיט נייַע ייִדישע גבורים.

די מלחמה מיט די קאַמפן האָבן זיך פאַרענדיקט, אָבער איצט קומט פאַר אַ דיפּלאָמאַטישע און פּאָליטישע מלחמה צווישן די לענדער, און אויך אַ מלחמה פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון די נייע דעראָבערטע פלעצער און פאַר דעם אויפבוי פון אַלץ וואָס מע האָט חרוב געמאַכט. מע האָט געד-קעמפט, אַ סך ברידער זייַנען געפאַלן, אָבער מע האָט געזיגט. און ייִדן אין ישראל און אין דער גאַנצער וועלט זייַנען שטאָלץ, שטאָלץ און גליקלעך צו קענען דערווייזן דער גאַנצער וועלט, אַז ייִדן זייַנען מעכטיק און גרייט צו פאַרטיידיקן מיט פויסט און נעגל דאָס וואָס ס׳האָט געקאָסט אַזוי פיל בלוט און כוח. עס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן די ווערטער: „להיות עם חפשי בארצנו, ארץ ציון וירושלים״.

אָנטיילנעמער אין 14טן תלמידים־קאָנקורס ביים קולטור־קאָנגרעס פאַר אָנהייבשולן דעם 6טן אויגוסט 1967

חנה טריסינקאָ, 18 יאָר

לערער־סעמינאַר ביי דער קהילה, מחלקה 1 אָוונט

קאָנקורס־נומ' 7 צווייטע פּרעמיע

וואָס פאַר אַ באַוועגונג איז דער חסידיזם

אין יאָר 1700 איז אין רוסלאַנד געבוירן געוואָרן ר' ישראל בעל שם טוב (בעש"ט). מיט אים איז געבוירן געוואָרן די באַוועגונג פונעם חסידיזם, אַ רעליגיעזע באַוועגונג וואָס האָט אין זיך אַ באַדייטנדיקן סאָציאַלן תוכן. פאַר וואָס?

— ווען דער בעש"ט איז געבוירן געוואָרן האָט דאָס רוסישע יידנטום געהאַט דורכגעלעבט אַ שרעקלעכן נסיון — די גזרות ת"ח ות"ט. שוידער־לעכע זיינען געווען די קאָנסעקווענצן. צום אָנהייב 18טן יאָרהונדערט לעבט אין רוסלאַנד אַ דערשראָקענע, אַ נידערגעשלאָגענע מאַסע. פון איין זייט איז די עקאָנאָמישע לאַגע געווען קאַטאַסטראָפאַל; פון דער אַנדערער זייט זיינען געווען כל מיני רדיפות מצד דער גוייִשער וועלט.

אַט די דאָזיקע מאַסן האָבן געווענדט זייערע בליקן צו דער יידישער אינטעליגענץ. אָבער וואָס האָבן זיי געזען? — בטלנישע יידן וואָס זיינען געזעסן יומם ולילה און געלערנט. איז דאָס געווען נאָענט צו די פאָלקס־געפילן און פאָלקס־נויטן? האָט די דאָזיקע אינטעליגענץ געפּרוּווט זיי געבן אַ נחמה?

ניין! אַבסאָלוט נישט! אַט די נחמה איז געקומען מצד דעם חסידיזם. אַט די נייע באַוועגונג האָט דערזען די נייע באַדינגונגען אינעם יידישן לעבן, און זי האָט יאָ געבראַכט נחמות, דער עיקר: אמונה, פאַנטאַזיע! כּדי דורך דעם זאָלן די יידן זיך דערהייבן פון זייער פיינפול לעבן.

דער בעש"ט, אָרעם געקליידט, פלעגט גיין אין מאַרק אַריין, זיך אויס־געמישט מיטן „פּראָסטן", אָרעמען עולם. צוגעלייגט אַן אויער. געהערט די צרות פון יידן, זייערע דאגות און זיי געגעבן גוטע עצות, זיי דער־מוטיקט.

און אין גיכן זיינען אַ סך אָרעמע ייִדן — דאָרשטיקע נאָך נחמה, דאָרשטיקע נאָך אַ געטריי האַרץ און נאָך אַן אויער וואָס זאָל זיי הערן, וואָס זאָל זיי פאַרשטיין — אַט די דאָזיקע ייִדן זיינען געוואָרן זיינע חסידים. זיי האָבן אים געהערט, אָנגעהויבן אים צו זוכן, אים געדאַנקט פאַר זיינע וואַרעמע רעדעס. דער בעש״ט איז געווען שטאַרק צניעותדיק. ער האָט זיינע ייִדן געהערט מיט גרויס ליבע, אָבער קיין מאָל פאַר דעם נישט גענומען קיין פדיון. און דאָס מוז מען אונטערשטרייכן: די חסידישע באַוועגונג איז אין אָנהייב געווען דורכויס אַ דעמאָקראַטישע באַוועגונג. נישט וויכטיק צי מען איז אַ רייכער, נישט וויכטיק צי מען איז אַ געלערנטער! אַנטקעגן אַן אַריסטאָקראַטיע פון געלט און יחוס — אַן אַריסטאָקראַטיע פון מעשים טובים. פאַר דעם חסיד איז דאָס די איינציקע זאַך וואָס ס׳האָט אַ ווערט און נאָר דורך דעם ווערט דער מענטש העכער אין גאָטס אויגן.

דאָס איז וואָס שייך דעם בראשית פון חסידיזם. וואָס איז אָבער געשען שפּעטער? דער רבי האָט יאָ אָנגעהויבן נעמען פדיון, ס׳האָבן זיך געשאַפן חסידישע דינאַסטיעס. אַ סך רביים זיינען געוואָרן גאָר רייך, געמאַכט מסחר מיטן פדיון. די פּרימיטיווע לויטערקייט האָט זיך געהאַט פאַרלוירן. און אַט אין דער צייט, ווען דער חסידיזם פאַרלירט זיין פּרימיטיווע לויטערקייט, ווערט געבוירן אין פּוילן אַ נייער מין חסידיזם, אַ רעאַקציע אַנטקעגן דעם דעגענערירטן חסידיזם.

גאָר אַן אַנדער סאָרט חסידיזם האָט זיך באַוויזן אין ליטע. צוליב דעם כאַראַקטער פון די ליטווישע ייִדן („קאָמפּמענטשן״) און צוליב דער השפעה וואָס דער ווילנער גאון האָט דאָרט — איז דער ליטווישער חסידיזם געווען אַנדערש ווי דער אוקראַיִנישער אָדער גאַליצישער חסידיזם. דאָס איז אַ מער ראַציאָנעלער חסידיזם, אַזאַ וואָס איז צווישן דער פאַנאַטישער חסידישער באַוועגונג און דער קילער השכלה. ביז היינט צו טאָג זיינען די ליטווישע חסידים די וועלטלעכסטע פון דער חסידישער באַוועגונג.

קליינע זיינען היינט צו טאָג די רעשטלעך פון דער חסידישער באַוועגונג. פון איר איז ווייניק געבליבן, אַזוי ווי פון גאַנצן מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַ סך, אָבער, האָבן מיר פון איר אַרויסגענומען. ספּעציעל דער ייִדישער טעאַטער, די ייִדישע ליטעראַטור, די ייִדישע מוזיק האָבן אין חסידיזם געהאַט אַ מקור פון אינספּיראַציע.

פאַרביקע קליידונגען, טענץ, ניגונים און אַ רייכע ליטעראַטור אין יידיש און אין לשון־קודש איז די ירושה וואָס דער חסידיזם האָט אונדז איבער־געלאָזט. אָבער איבער הויפּט דאַרפן מיר צו אים קוקן נישט נאָר פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט. מיר דאַרפן זיך צו אים ווענדן מיט היסטאָרישע פּערספּעקטיוון, און אַזוי וועלן מיר זען אין אים אַ גרויסע, ווערטפולע באַוועגונג. מיר וועלן זען, אַז זי האָט באַקומען אַ גרויסע קראַפט צוליב דעם, וואָס זי איז פון אָנהייב געווען פאַרבונדן מיטן פאָלק, וואָס האָט דאָס פאָלק פאַרשטאַנען און געטרייסט, בשעת אַנדערע האָבן זיך צו אים אויס־געדרייט מיטן רוקן. אָט דאָס איז די גרויסע ווערט פון חסידיזם!

צבי נח לאַנדוי, 17 יאָר
מחלקה 1 אָוונט, לערער־סעמינאַר ביי דער קהילה

קאָנקורס־נומ׳ 19 — דריטע פּרעמיע

וואָס פאַר אַ באַוועגונג איז דער חסידיזם

דער חסידיזם קען באַטראַכט ווערן, נעמענדיק אין אַכט זיין אינהאַלט און זיינע אויסדרוק־אופנים, ווי איינע פון די שענסטע באַוועגונגען פון דער ייִדישער געשיכטע און זייט ביי זייט מיט דעם, קען זי אויך באַטראַכט ווערן ווי איינער פון די נאַציאָנאַל־פּאָזיטיווסטע פאַקטאָרן וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט במשך דעם ייִדישן גאַנג צווישן פעלקער. אפשר צוליב דעם קענען מיר היינט צו טאָג זען אין דעם חסידיזם אַ משל פון וועלכן ס׳איז כדאי צו לערנען אַ נמשל. ווייל אין וואָס ליגט סוף כל סוף די אומגעהייערע וויכטיקייט פון דעם חסידיזם פאַר דער ייִדישער געשיכטע, פאַר דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן גורל? די וויכטיקייט פון חסידיזם באַשטייט אין דעם וואָס אין אַן אמתער עת־צרה פאַר כלל ישראל, האָט זי מעגלעך געמאַכט פאַר די ייִדן ממשיך צו זיין דאָס ייִדישע לעבן, נישט אויסגעמישט צו ווערן צווישן די פעלקער מיט וועלכע זיי האָבן געלעבט, שאַפן ווייטער און האָבן דעם באַווסטזיין אַז מען שאַפט ווי מענטשן און ווי ייִדן, מע שאַפט ווי יחידים און ווי אַ כלל. אין אונדזער היינטצייטיקן אינטערנאַציאָנאַלן לשון וואָלטן מיר געזאָגט: ווערן און פילן זיך רעאַליזירט.

דער חסידיזם איז געווען אין ייִדישן לעבן אַ קאָלאָסאַלע דערשיינונג, אַן אומאויסשעפּנדיקער קוואַל פון באַגייונג, פון פרישקייט, פון יוגנטלעכן גייסט. דער חסידיזם האָט אַריינגעבראַכט אין דעם ייִדישן שטייגער פאַנטאַזיע, פּאָעזיע, ליבע צום לעבן און צו דער נאַטור. דער חסידיזם האָט אָנגעפּולט דעם ייִדישן יום־טוב און די ייִדישע וואָך מיט פרייד, מיט איבערלעבונגען, מיט עקסטאַז.

און דער חסידיזם קען טאַקע רעזומירט ווערן אין די ווערטער: באַגייונג, פאַנטאַזיע, פרייד; אָבער אויב מען וויל אים און זיין ווירקונג פולשטענדיק פאַרשטיין, דאַרף גוט באַנומען ווערן דער זין פון דעם באַגריף באַגייונג.

דער חסידיזם איז אויפגעקומען אין מזרח־אייראָפּע במשך דעם 18טן י״ה. דאָס יידישע לעבן האָט זיך געפונען אין אַ כאַאָס־צושטאַנד. זיי האָבן זיך געפונען אין דעם זעלביקן לאַגד ווו מיט הונדערט יאָר צוריק, דינען נישוען מריש די ווונדן פון די פּאָגראָמען און די הריגות פון כמעלניצקיס קאָזאַקן. דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון די יידישע מאַסן האָט וואָס אַ מאָל פאַרלוירן מער באָדן. אַ סך יידן האָבן געליטן נויט. די תלמוד תורה האָט פאַרלוירן איר אמתן זין. די דעמאָלטיקע אינטעליגענץ האָט זיך אָפּגעפרעמדט פון איר פאָלק. עם־הארצות איז געשטיגן מיט אַן אימפּעטיקן כוח. די יידישע געזעלשאַפט האָט זיך געפונען אין אַ פּראָצעס פון דעסאינטעגראַציע. די יידן האָבן נישט געפונען אין זייער לעבן קיין ציל און קיין זין. דער חסידיזם האָט נישט געבראַכט מיט זיך קיין רעפאָרמען אין דעם סאָציאַ־עקאָנאָמישן לעבן פון די יידן, ווייל נישט דאָס איז געווען זיין ציל. דער חסידיזם האָט אין גאַנצן איבערגעמאַכט דעם מצב אויפן גייסטיקן און געזעלשאַפטלעכן געביט. אויפן עקאָנאָמישן געביט, נישט.

אָבער דער חסידיזם האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן באַדייט אין דעם געזעלשאַפטלעכן און גייסטיקן פּרצוף פון דעם יידישן פאָלק אין יענע מקומות. ר׳ ישראל בעל שם־טוב, דער גרינדער פון דער חסידישער באַוועגונג, האָט געלערנט זיינע חסידים, און דערנאָך אַלע יידן, אַז צו זיין אַ ייד און צו פילן זיך ווי אַ ייד קען מען איבערמאַכן און באַנייען די שוין אָנגענומענע פאָרמען. און דער חסידיזם האָט טאַקע איבערגעמאַכט און באַנייט, נאָר נישט צעשטערט. אין דעם באַשטייט זיין גרויסקייט. דער חסידיזם האָט נישט געלאָזט דאָס יידישע לעבן אין אַ חלל, נאָר געגעבן די יידן נייע, בעסערע, מער צוגעפּאַסטע פאָרמען פאַר קענען ווייטער שאַפן יידישקייט.

חסידות האָט געלערנט, אַז וויכטיק איז די כוונה; אַז אַזוי גוט ווי לערנען, איז טאָן מעשים־טובים, אַז אויב מע געפינט זיך נישט צווישן יידן, קען מען זיך אויך מתייחד זיין מיטן רבונו של עולם אין מיטן וואַלד, אַז אין אַן עת־צרה, אין וועלכער מען האָט דאַן טאַקע געלעבט, איז אַ לעבנס־נויטווענדיקייט פרייד, דערהויבונג, עקסטאַז. חסידיזם האָט אויך געלערנט די יידן, אַז די פולסטע פאָרעם פון רעליגיעזן לעבן איז נישט אין טראַכטן אַליין, נאָר אין פרייען זיך צוזאַמען, ווערן יחדיו און דערהייבן זיך דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם צדיק צו די עולמות עליונים. חסידיזם

אָנטיילנעמער אין 14טן תּלמידים־קאָנקורס ביים קולטור־קאָנגרעס פאַר מיטלשולן דעם 13טן אויגוסט 1967

האָט געוויזן די ייִדן, אַז זיין אַ ייִד קען זיין דער מקור פון פּערזענלעכער רעאַליזירונג, אַז זייענדיק אַ ייִד קען מען שאַפן אַ גאַנצע וועלט.

און די וועלט וואָס דער חסידיזם האָט באַשאַפן איז אַן אומגעהייער רייכע; אַ רייכע און איבערגעלאָדענע מיט פּאָעזיע, מיט פאַנטאַזיע, מיט פרייד. דער חסידיזם איז געווען אַ לעבעדיקע באַוועגונג, און ווי אַזעלכע איז זי נישט געווען כולו ליכט אָדער כולו טונקל. עס האָבן זיך מיט דער צייט באַוויזן אין איר טונקעלע זייטן אויך, וואָס זיינען שטאַרק קריטיקירט געוואָרן. מיר דאַרפן עס לערנען אויך.

אָבער מיר דאַרפן אַרויסנעמען די פּאָזיטיווע זייט און פון דעם לערנען אַ גמשל, און האָבן אַ ווילן עס צו פאַרווירקלעכן אין לעבן. מיר האָבן עס שוין געזאָגט: די גרויסקייט און וויכטיקייט פון חסידיזם באַשטייט אין זיין באַנייונג, אין זיין שאַפן נייע פאָרמען.

היינט לעבן מיר איבער אַ נאַציאָנאַלע אויפוואַכונג פאַר דער ייִדישער מדינה; אָבער מיר טאָרן נישט פאַרלירן דעם חוש פאַר רעאַליטעט. ייִדן האָבן שוין אָנגעהויבן צו פאַרגעסן, צו מאַכן זיך נישט-וויסנדיק. די גרויע ווירקלעכקייט פון גלות באַווייזט זיך שוין נאָך אַ מאָל. כדי אַריינברענגען אין דער דאָזיקער גרויער ווירקלעכקייט אַ ביסל ליכט, אַ ביסל האָפענונג, טאָרן מיר נישט פאַרגעסן דעם באַדייט פון חסידיזם אין דעם לעבן פון אינדזער פאָלק.

ליפע ראַניגער, 18 יאָר

מחלקה 1 אָוונט, לערער־סעמינאַר ביי דער קהילה

קאָנקורס־נומ׳ 8 דריטע פרעמיע

וואָס פאַר אַ באַוועגונג איז דער חסידיזם

דער חסידיזם, די רעליגיעז־פאַנאַטישע באַוועגונג, איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון די ענדערונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין יידישן לעבן, במשך דעם 17טן— 18טן י״ה.

די יידן האָבן געדאַרפט נייע לעבנס־פאָרמען. דער חסידיזם האָט זיי דאָס געבראַכט: דעריבער האָט ער זיך צעשפרייט ווי אַ פלאַם איבער כּל תפוצות ישראל.

אין תוך האָט די באַוועגונג קיין נייעס נישט געבראַכט. ביי זיינען גאָר געווען די פאָרמען; דער אויסדרוק האָט זיך געביטן; די גרונטלעכע שטאַנד־פונקטן זיינען געבליבן די זעלבע וואָס אַ טייל פון דעם איינגעוואָרצלטן יידישן געדאַנק, האָט אויסגעדריקט די קבלה.

יעדע מטבע האָט אָבער צוויי זייטן...

ווי אַ רעאַקציע קעגן די יידישע אומגליקן זיינען דערשינען אויף דער לעבנס־אַרענע: פון איין זייט — די השכלה, דער בורזשואַזער ראַציאָנאַ־ליסטיש־הומאַניסטישער שטראָם; מצד שני — דער חסידיזם, וואָס האָט גע־פירט צו טראַנסצעדענטאַלער דערקענטעניש.

ר׳ ישראל בעל שם־טוב איז דער באַגרינדער פון דער באַוועגונג. ער איז געבוירן געוואָרן אין 1700, אין אָקאָפּ — מזרח־גאַליציע — און איז געשטאָרבן אין 1760 אין מעזשיבוזש; דער דאָזיקער פאָרזיכטיגער איז גע־ווען ביז די 20 יאָר אַן עם־הארץ. דערנאָך האָט ער זיך ערשט גענומען צום לערנען און האָט לאַנגזאַם אַריינגעדרונגען אין די צרות, בעסער גע־זאָגט — אין די הערצער פון די ליידנדיקע מאַסן, און זיי געגעבן — אַ דאַנק זיין פערזענלעכן כאַראַקטער — דאָס וואָס יידן האָבן געדאַרפט.

חסידיזם האָט געפּריידיקט: מ׳קען דינען גאָט אומעטום, נישט בלויז אין בית־מדרש, נאָר אַפילו צווישן גויים, אַפילו אויף דער פרייַער נאַטור... אין דער נאַטור, אין יעדן גרעזעלע — קען מען זען די ווונדער פון באַשאַפונג. אַ מין ראַציאָנאַליסטישער פּאַנטעיִזם. אַזוי ווי די פאַרפאָלגונגען קעגן יידן פאַרשטאַרקן זיך, מוז מען כנגד זה פאַרשטאַרקן אַהבת ישראל, די ליבע צו יידן. ווייל אָרעמע און רייכע גלייכן זיך אויס, ווען זיי קומען זיך צונויף און בילדן דעם יחדיו.

אַהבת ישראל און אַהבת א״י איז ביי די חסידים געוואָרן איינס; אַ סך רביים זיינען עולה געווען. די אומאויפהערנדיקע ליבע צו מענטשן, צו דער נאַטור, איז געוואָרן דער יסוד פאַר דער דאָזיקער ראָמאַנטיש־דעמאָקראַטישער באַוועגונג, וואָס האָט געזוכט די דערלייזונג פון כלל דורך דער באַפרייונג פון יחיד, דורך דער קאָלעקטיווער אָפּזונדערונג פון דער וועלט און די אויפהייבונג ביז אין די עולמות־העליונים. ס׳איז געווען אַ מין ספּיריטועלע קראַפט פון אַסקעטיזם; דער אַסקעטישער כוח פון אַ קאָלעקטיוו.

אָבער אַסקעטיש מיינט, אין דעם פאַל, נישט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול פון די מאַטעריעלע פּראָבלעמען, נאָר זיי סובלימירן ביזן עקסטאַז.

און דער עקסטאַז איז געווען און איז עד־היום, דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון די חסידים.

דער בעש״ט האָט געפּריידיקט מיט זיינע אייגענע מעשים. ער האָט נישט גענומען קיין פּדיון. די ווייטערדיקע רביים, די ערשטע, האָבן אויך עס נישט אָקצעפּטירט. אָבער מיט דער צייט האָט חסידיזם אין רוסלאַנד פאַרלוירן די פּרימיטיווע לויטערקייט, און עס האָט זיך געשאַפן אַ קלימאַט פון מסחר אַרום גבאים און רביים, וועלכע לינעצקי און דינעזאָן, אין 19טן י״ה, און י. י. זינגער אין 20סטן י״ה, האָבן באַשריבן.

חסידיזם האָט געהאַט אַ זייער וויכטיקע השפּעה אויף דער ליטעראַטור, אויף טעאַטער, אויף מוזיק, אויף קונסט בכלל. דער בעש״ט האָט גאָרנישט געשריבן. זיינע תלמידים האָבן נאָך זיין טויט צונויפגעזאַמלט זיינע משלים אין אַ בוך „שבחי הבעש״ט״ אויף לשון קודש און שפּעטער אין 1815 אין יידיש.

ר׳ דב בער, דער מעזריטשער מגיד, דער ערשטער תלמיד פון בעש״ט,

די תלמידים פון די מיטלשולן און סעמינאַרן אַרבעטן איבער די אויפגעגעבענע טעמעס

האָט דערהויבן דעם משל ביז צו אַ גרויסער מדרגה. ער האָט זיך געהאַלטן ווי אַלע שפּעטערדיקע רביים ביים משל און פּראָזע.

דער באַרדיטשעווער רבי, ר׳ לוי יצחק, דער רעוואָלוציאָנערער גלוי־ביקער רבי, וואָס האָט פון איין זייט, אין זיינע לידער, געפאָדערט פון רבונו של עולם יושר און גלייכצייטיק געלויבט דעם באַשעפער. דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין זיינע לידער „קדיש" (אַ דין־תורה מיטן רבונו של עולם), „מאירקע מיין זון" און „דודעלע". זיין נאָמען איז געבליבן אַ סימבאָל אין דער יידישער ליטעראַטור. אין פּרץ הירשביינס „גרינע פעל־דער" איז ר׳ לוי יצחק די איידלסטע געשטאַלט. רב לוי יצחק באַרדיטשע־ווער איז דער באַנייער פון שפּראַך, ער האָט אַריינגעפירט אין לשון נייע אויסדרוק־מיטלען. ער איז געווען דער ערשטער חסידישער רבי, וואָס האָט געהאַט אַ חוש פאַר פאָסטאָראַלע מוזיק. אויב רב לוי יצחק בן שרה מבאַר־דיטשעוו איז דער באַנייער פון לשון, איז ר׳ נחמן בראַצלעווער דער באַ־גרינדער פון אַ נייעם סטיל „מעשהנעך", ווי ישראל אַקסענפעלד האָט עס גערופן, אפשר מיט שפּאָט. זיינע „סיפורי מעשיות" (צווישן וועלכע עס איז בולט „די מעשה מיט די זיבן בעטלערס") זיינען עדות פון זיין קונסט, פון זיין פאַרפּלאָנטערטקייט, פון זיין אַוועקשטעלן איין מעשה אין דער אַנדערער. זיין אָנצינעדיקער סטיל איז דער אַרויסגאַנג־פּונקט פון אַ נייער עפּאָכע.

דער חסידיזם האָט אין דער ליטע געקראָגן נייע פאָרמען, ווי אַ רעזול־טאַט פון דער משכילישער סביבה, ווו דער ווילנער גאון האָט געווירקט. די „ליטוואַקעס", קאָפּ־מענטשן, האָבן באַנומען דעם חסידיזם און אים גע־מאַכט מער ראַציאָנעל, הגם זיי האָבן אָפּגעהיט די רינה, דאָס געזאַנג, דעם לויבהימען פון ראָמאַנטישן האַרץ... די לובאַוויטשער חסידים זיינען, ביזן היינטיקן טאָג, די „משכילישע" חסידים אויף דער וועלט. רבי שניאור זלמן און רב דב בער האָבן באַנייט די באַוועגונג און זי מאַכט מער צו־טריטלעך פאַר צוקונפטיקן לעבן. דער נאָמען אַליין חב״ד ווייזט די יידיש־לעכע באַציונג וואָס לובאַוויטשער חסידים האָבן פאַרמאָגט...

דער חסידיזם אין פוילן איז געווען גלייכצייטיק די „תקופת הזהב" און די דעקאַדענץ... פאַרשפּרייט האָט ער זיך ווי קיין מאָל... אָבער אויך גע־פאַלן מאָראַליש... אַ ראיה דערפאַר איז די רעאַקציע פון קאָצקער רבין,

וואָס האָט געזען דעם מצב, און האָט זיך אָפּגעזונדערט פון אַזאַ פאַלנדיקער שיטה און דרך.

חסידיזם האָט געמוזט אויסהאַלטן אַ שווערן קאַמף מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז פון אים נישט אַרויס אַ גאַנצער, אָבער אַ פרישער און געניטער. חסידיזם איז דאָס געזאַנג פון יידישן שטייגער, ער איז דער דרך וואָס האָט דערגרייכט צו אַן אייגנאַרטיקן לעבנשטייגער. אַ גאַנצע וועלט־באַנעמונג איז ענג צונויפגעקניפּט מיט חסידות; אַזאַ טיפער געדאַנק וואָס איז אַרויסגעזאָגט פון בראַצלעווער רב נחמן: אין איין מינוט קען מען פאַרלירן אַלע ש״י עולמות, די דריי הונדערט צען וועלטן — אין איין מינוט! די מאָראַלישע פירונג וואָס האָט זיך דערגאַנצט אין דער מאָדערנער חלוצישער יוגנט און אין דעם אויפקום פון אונדזער מדינה.

רות רבקה גרינבּוים, 15 יאָר
בית־ספר תיכון „שלום עליכם״
קאָנקורס־נומ׳ 26 סטימול־פּרעמיע

וואָס האָב איך צו זאָגן וועגן די יוני־געשעענישן אין ישראל.

פּלוצלינג הערט מען אַ קול: די מלחמה האָט אויסגעבראָכן!

די גאַנצע וועלט הערט זיך צו יעדע מינוט צו דעם וואָס קען געשען, יעדע מינוט, יעדע רגע.

ווייל עס איז איינער קעגן אַ סך. אַ סך וואָס ווילן נישט אָנבעמען, אַז מדינת ישראל האָט אַ רעכט צו עקסיסטירן, און דערפאַר פּראָוואָצירן זיי אַ מלחמה.

גאַנץ ישראל האָט זיך מאָביליזירט און איז גרייט געווען צו שטאַרבן פאַרן קיום פון דער מדינה. אין איין רגע האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די ישראלדיקע איינוווינער ווי איין גרויסע משפחה. דאָס איז געווען די סיבה פון דעם גרויסן בטחון וואָס מיר, אַלע יידן אויף דער וועלט, האָבן געהאָט אין דעם נצחון.

אַ מעכטיקער כוח האָט אַרומגענומען אונדזערע סאָלדאַטן. זיי האָבן געקעמפט מיט גבורה פאַר עפּעס. זיי זיינען גוט צוגעגרייט געווען. אונדזער שונא האָט נישט דערוואַרט אַז צה״ל וועט ענטפערן מיט אַזאַ גבורה. ער איז נישט צוגעגרייט געווען צו שטעלן אַ געהעריקן ווידערשטאַנד אַפילו.

אונדזער נצחון איז געווען אַ דאַנק דעם גרויסן ווילן צו איבערלעבן און באַפעסטיקן דאָס לאַנד, און אויך אַ דאַנק דעם, וואָס די אָפיצירן זיינען פאָראויסגעגאַנגען פאַר די סאָלדאַטן.

יעדער איינער פון דער באַפעלקערונג האָט געוווּסט זיין פליכט ווו ער האָט זיך געפונען און ווען.

אַזוי האָבן מיר צוריקבאַקומען פּלעצער וואָס זיינען אַזוי וויכטיק פאַר אונדז יידן: ירושלים, יריחו, קבר רחל...

מיר ווילן נישט טראַכטן אַפילו אין דעם וואָס ס׳וואָלט געקענט געשען ווען צה״ל וואָלט נישט געוווּנען דעם קאַמף.

יאָ, צה״ל האָט געוווּנען. אָבער דאָס איז נישט געווען קיין פולער נצחון. אַ סך לעבנס פון יונגע סאָלדאַטן האָבן מיר פאַרלוירן. אַ סך קיבוצים זיינען חרוב געוואָרן. אמת, מיר זיינען צופרידן מיטן נצחון, אָבער אויך טרויעריק צוליב די אַלע קלאָרע שמייכלען וואָס קענען איצט זיך נישט באַווייזן אויף דער וועלט, צוליב די אַלע קינדער וואָס האָבן זייערע טאַטעס פאַרלוירן.

ישראל האָט געוויזן פאַר אַלע מענטשן אויף דער וועלט וואָס זי קען. זי האָט געגעבן דעם ביישפּיל, אַז ווען מע וויל עפּעס טאָן און עפּעס דער־גרייכן, טוט מען עס. ישראל האָט באַקומען אַ פּלאַץ אין דער וועלט־געשיכטע, הגם עס זיינען פאַראַן אַ סך וואָס גלייבן נישט אין אונדזער גבורה און זאָגן, אַז מיר האָבן באַקומען הילף פון אַנדערע לענדער.

אין זעקס טעג האָט ישראל געטאָן דאָס וואָס אַנדערע וואָלטן נישט געקענט מאַכן אין אַ חודש.

איינער פון די עדות: דער כותל המערבי. ער איז אַן עדות פון אַמאָליקע און היינטיקע מלחמות. ווייל מיר קענען פאַרגלייכן דעם קריג מיט די היס־טאָרישע קאַמפן קעגן גרעסערע שונאים ווי איצטיקע. אָבער דער איצטי־קער קאַמף האָט נאָך מער באַדייטונג, ווייל מע האָט געמוזט קעמפן קערפּער צו קערפּער, כדי נישט חרוב צו מאַכן די היסטאָרישע פּלעצער אין ירושלים.

און איצט, ווען די פיזישע מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, קומט דער שווערסטער טייל — דאָס זיינען די דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען. מיר האָפן, אַז די וועלט וועט טראַכטן און פאַרשטיין, אַז ישראל האָט די רעכט צו עקסיסטירן פּונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע לענדער.

אסתר נודעלסמאַן, 16 יאָר
מחלקה ה׳, בית־ספר תיכון „פראָפ׳ חיים ווייצמאַן״
קאָנקורס־נומ׳ 16 סטימול־פרעמיע

וואָס האָב איך צו זאָגן וועגן די יוני־געשעענישן אין ישראל.

היינטיקס יאָר איז פאַר דעם ייִדנטום געווען זייער וויכטיק.

מיר האָבן איבערגעלעבט די יוני־געשעענישן מיט גרויס טרויער און אַנגסטן, ווייל עס זענען געשטאַנען אין קאָן אונדזערע מאַטעריעלע און גייסטיקע אינטערעסן.

מיר האָבן געוווסט אַז ישראל וועט דאַרפן באַזיגן די אַראַבישע פעל־קער, ווייל אויב נישט, וואָלטן מיר ייִדן פון דער גאַנצער וועלט געפילט די רעזולטאַטן פון די ביטערע געשעענישן.

אַט־אָ־דאָס פאָלק וואָס פאַרמאָגט טיפע און רייכע גייסטיקע ווערטן, אַ קולטור פון וווּנדערלעכער עטיק און מאָראַל, אַ רעליגיע וואָס פון איר קומען אַרויס אַ סך אַנדערע — אַזאַ פאָלק האָט נישט געקענט און האָט נישט געטאָרט פאַרשפּילן.

ווייל ישראל סימבאָליזירט אַלע אונדזערע דערהויבנסטע שטרעבונגען און אידעאַלן.

אָבער ישראל האָט נישט נאָר די מיסיע צו פאַרזיכערן די ייִדן פון די תפוצות, נאָר זי האָט אַ גרעסערע און טיפערע אויפגאַבע: צו רעאַליזירן די רייד פון די נביאים: ישראל דאַרף בלײַבן און זיין אַ מוסטער פאַר דער וועלט.

ישראל דאַרף זיך נאָך מער אַנטוויקלען, צוצוקומען צו איר מאַקסימאַלן גייסטיקן פונקט און נאָך דעם אַרויסגעבן פון זיך די אינערלעכע רייכקייט; „כי מציון תצא תורה״...

אָבער אויך אַנדערע לענדער וועלן געניסן פון דער דערגרייכטער רייפ־קייט, אַ דאַנק דער קעגנזייטיקער באַווירקונג.

און איך זאָג דאָס נישט מיט דער כוונה צו מאַכן אונטערשיידן צווישן פאַרשיידענע קולטורן אָדער אידעאָלאָגיעס; איך זאָג דאָס, ווייל עס איז שוין געקומען דער טאָג אין וועלכן דאָס הייליקע וואָרט פון די נביאים און דער העלדישער טאַט פון די גיבורים האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן — קומט שוין טאַקע די צייט צו געבן אונדז דעם כבוד און שטאָלץ.

די יוני־געשעענישן האָבן אָנגעשריבן נאָך אַ טריומפאַלן בלעטל אין דער געשיכטע פון די פעלקער.

די טעטיקייט פון די סאָלדאַטן, געבונדן מיט דער אינערלעכער מאָראַל, דאָס איז אונדזער אוצר. הלוואי זאָלן די קומענדיקע דורות אַזוי דאָס פאַר־שטיין אַזוי ווי מיר פאַרשטייען עס.

חיהקע גלוז, 11 יאָר
7טער גראַד, „פּרופ׳ חיים ווייצמאַן״־שול
קאָנקורס־נומ׳ 14
ערשטע פּרעמיע

אַ חלום

יענע נאַכט האָט זיך מיר געחלומט זייער אַ שיינער און וויכטיקער חלום פאַר אונדזער פאָלק. דער חלום איז געווען די רעאַליטעט.

אין 60 שעה האָט דאָס קליינע ישראל אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער די אַראַבישע אַרמייען, וואָס האָבן געהאַט געשווירן צו פאַרניכטן דאָס ייִדישע פאָלק.

די ייִדישע פאַן וואָס האָט געפלאַטערט אין אַלט־ירושלים האָט זיי גע־וויזן דעם גרויסן טעות. דעם זעלבן טעות האָבן זיי געמאַכט אין יאָר 1948 און אין 1956. זיי האָבן געמיינט אַז אין איין מינוט וועלן זיי קענען צע־שטערן אַ לאַנד וואָס האָט געקאָסט אַזוי פיל קרבנות ביז עס איז אויסגע־בויט געוואָרן.

דער זכר פון די זעקס מיליאָן ייִדן וואָס היטלער, ימח שמו, מיט זיינע ווילדע האָרדעס האָבן פאַרשניטן פון אונדזער פאָלק, האָט געגעבן אַ שטאַרקן כוח די הייַנטיקע מכבייער צו קעמפן קעגן די אַראַבער און זאָגן מיט פעסטקייט אַז — ניין! דאָס וועט זיך קיין מאָל נישט איבערחזרן. לא נזוז מפּה! מיר וועלן מער פון דאַנען זיך נישט רירן.

אין יענע אומפאַרגעסלעכע טעג האָבן אונדזערע הערצער געציטערט פאַרן גורל פון די העראָישע קעמפער פון צבא הגנה לישראל, און אונ־דזער איינציקע מחשבה איז געווען, אַז די מלחמה זאָל זיך וואָס פריִער ענדיקן מיט אַ זיג פאַר די ייִדן.

אין דער דאָזיקער מלחמה האָבן מיר צוריקבאַקומען ירושלים העתיקה מיטן כותל המערבי. טויזנטער ייִדן האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי דער וואַנט פון טרערן און האָבן געגאָסן טרערן פון פרייד, שווערנדיק נאָך אַ מאָל:

„אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני״.

מיר ייִדן פון אַלע לענדער דאַרפן מיר זיין דאַנקבאַר אונדזערע ברידער פון ישראל, ווייל זיי האָבן געקעמפט פאַר אונדז און פאַר דער צוקונפט פון גאַנצן ייִדישן פאָלק.

איך מיין, אַז דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע געשעענישן אין דער ייִדישער געשיכטע.

שרהלע נעמי נעומאַן, 11 יאָר
6טער גראַד א׳, שלום עליכם־שול
קאָנקורס־נומ׳ 22 2טע פרעמיע

אַ בריוו צו אַ חבר אין ישראל (צו אַ סאָלדאַט):

כבוד פאַר דיר און פאַר אַלע דיינע חברים, יידישער העלד!

דו האָסט געקעמפט פאַר אונדזער עקסיסטענץ און פאַרן כבוד פון אַלע יידן אויף דער וועלט.

דו האָסט געוווּנען, ווייל דו האָסט געוווּסט פאַר וועמען דו קעמפסט, קעגן וועמען און מיט וועמען. אַלע דיינע מיטבירגער דאַנקען דיר פאַר אַט דער גרויסער טובה. פון לאַנג שוין ווייס איך, אַז ווען דו האָסט געדאַרפט בייטן דעם אַקעראייזן אויף אַ שווערד, האָט עס דיר שטאַרק וויי געטאָן אָבער דו האָסט געקעמפט מיט מוט און העלדישקייט.

איך קען נישט פאַרשטיין ווער האָט געבראַכט אָט דעם ווונדערלעכן נצחון, אפשר נאָר ווייל איר האָט געטראַכט אין גאָט האָט איר געקענט קעמפן בעסער.

איך בייג דעם קאָפּ און איך גיב אָפּ כבוד צו דיינע געפאַלענע חברים!

דינה מעריך, 11 יאָר

6טער גראַד, י. ל. פרץ־שול

קאָנקורס־נומ׳ 10 3טע פרעמיע

אַ חלום

איך ליג אין בעט און טראַכט. מיטן טראַכטן ווער איך אַנטשלאָפן. פאַר מיינע אויגן קומען פאַר אַלע געשעענישן און אַלע העלדישקייטן פון דעם יידישן פאָלק.

איך טראַכט אין אַברהם אָבינו, דער ערשטער ייד, וואָס האָט אויסגעהאַלטן די ערשטע שוועריקייטן פון אונדזער פאָלק.

נאָך אַ סך יאָרן זיינען מיר עבדים אין מצרים, איצט קומט אונדז באַפרייען משה רבינו. זיינע ערשטע יאָרן האָט ער געלעבט ביי פרעהן אין פאַלאַץ און נאָך דעם איז ער געוואָרן זיין קעגנער, כדי צו קעמפן פאַרן יידישן פאָלק, ווייל אויך ער איז געווען אַ ייד.

אין פאַרלויף פון די יאָרן געדענק איך צוויי גרויסע קעניגן, דוד המלך און שלמה המלך. איינער פון זיי, שלמה המלך, האָט אויפגעבויט דעם בית־המקדש, דער אַנדערער האָט פאַרטיידיקט דאָס לאַנד קעגן די שונאים.

ווען עס זיינען דורכגעגאַנגען אַ סך יאָרן, קומען מיר צו צו פינף ברידער, די חשמונאים; זיי האָבן געוווּנען די שרעקלעכע מלחמה קעגן די גריכן; דעמאָלט זיינען די געווינער געווען ווייניק קעגן אַ סך.

עס קומען פאַר פאַר מיינע אויגן צוויי גרויסע מענטשן, ר׳ עקיבא און בר־כוכבא.ביידע גיבן־אָפּ זייערע לעבנס פאַרן יידישן פאָלק. דער ערשטער — פאַר אונדזער גלויבן, דער צווייטער — פאַר דעם כבוד פון אונדזער פאָלק.

נאָך דעם קומען פאַר אַ סך טרויעריקע געשעענישן מיט אונדזער פאָלק, נאָר עס איז דאָ איינע וואָס די יידן וועלן קיין מאָל נישט פאַרגעסן: עס קומט אַ מערדער, וואָס וויל ענדיקן מיטן יידישן פאָלק, דער מענטש איז היטלער, וואָס האָט געטויט זעקס מיליאָן יידן.

נאָך די אַלע געשעענישן האָב איך זיך אויפגעוועקט און זיך געגעבן רעכענונג, אַז דער אמתער העלד איז אונדזער פאָלק פון מדינת ישראל.

גאָלדעלע סיגאַל, 11 יאָר
6טער גראַד שלום עליכם־שול
קאָנקורס־נומ׳ 28 — 3טע פרעמיע

אַ חלום

נעכטן ביינאַכט האָט זיך מיר געחלומט אַז איך האָב גערעדט מיטן כותל המערבי.

אַ דאַנק דער העלדישקייט פון אונדזערע זעלנער האָבן מיר אין אונדזערע הענט דאָס אַלטע ירושלים, די אייביקע, די גאָלדענע. און מיט איר האָבן מיר באַקומען דיר, די אויסגעבענקטע וואַנט, צו וועלכער טויזנטער אויגן פלעגן זיך ווענדן ביים דאַוונען.

כותל המערבי! די מערב וואַנט! דו ביסט אונדזער איינציקער סימבאָל פון דער גרויסקייט פון דער אַמאָליקער ירושלים. מיט וויפל ליבשאַפט ביסטו געבויט געוואָרן דורך די אָרעמע־לייט, וואָס האָבן אַלץ אַוועקגעגעבן כדי צו קענען דיר אויפשטעלן. ווען איך טראַכט פון מיינע אוראַלטע ייִדן וואָס האָבן דיך געדאַרפט לאָזן אין פרעמדע הענט, בין איך דורכגענומען מיט זייער צער און טרויער. אונדזער געשיכטע איז אָנגעזאַפט מיט טרערן פון צוויי טויזנט יאָר גלות און בענקשאַפט צו דיר.

און מיין חלום איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, און איך טראַכט אין דיר.

אפשר אין זכות פון די אַלע וואָס האָבן אַוועקגעגעבן אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט, שטייסטו ביז היינט!

כותל המערבי! דו ביסט דער סוד פון אַלע סודות און מיר זאָגן צו, אַז מיר וועלן דיך מער נישט פאַרלאָזן!

גיטעלע בעקערמאַן, 12 יאָר
7טער גראַד שלום עליכם־שול
קאָנקורס־נומ 24 סטימול־פּרעמיע

אַ בריוו צו אַ חבר אין ישראל

ליבער חבר משה: איך דאַנק דיר פאַר דיין בריוו, אין וועלכן דו שרייבסט מיר וועגן די געשעענישן פון דער איצטיקער מלחמה אין ארץ־ישראל.

מיינע עלטערן און אויך מיינע חברים אין אַרגענטינע האָבן זיך געפרייט פון די נאַטיצן אַז מיר יידן האָבן געוווּנען דעם קאַמף און באַפרייט די אַלטע שטאָט ירושלים, וואָס איז געווען אין די הענט פון די אַראַבער.

איצטער וועלן יידן קענען גיין אין תשעה־באָב צום כותל המערבי, די איינציקע וואַנט וואָס איז געבליבן פונעם בית־המקדש וואָס טיטוס האָט פאַרברענט צום צווייטן מאָל. די העלדישקייט פון די יידישע סאָלדאַטן! זיי האָבן נישט באָמבאַרדירט די פּלעצער ווו עס זיינען געווען מענטשן, פרויען און יינגלעך.

זיי האָבן געקעמפט פאַר זייער לאַנד, פאַר ציון, אַזוי אַז מיר דאַרפן זיך נישט וואונדערן פאַר וואָס יידן האָבן באַזיגט די שונאים פון זייער לאַנד, דאָס לאַנד פון זייערע אָבות.

זיי האָבן געוווּנען אַ דאַנק דער מיליטערישער טאַקטיק פון זייערע סאָלדאַטן, קאַפּיטאַנען און צווישן וועלכע ס'האָט זיך אויסגעצייכנט משה דיין.

איך בעט דיך דו זאָלסט מיר שיקן נאָך פריילעכע בריוו פון ארץ־ישראל, ווייל דאָס געפעלט אַלע יידן אין דער וועלט.

איך פאַרענדיק מיין בריוו מיט אַ שלום און אַ סך גליק פאַר דיר און דיין פאַמיליע, און אם ירצה השם, וועל איך אין דעם קומענדיקן יאָר אויך קומען קיין ישראל.

דיין חברטע.

עיקר שכחתי: שיק מיר רעפּערענצן וועגן דעם כותל המערבי, דעם קבר פון דוד המלך און פון דער מערת המכפלה, וואָס זיינען איצטער אין אונדזערע הענט.

שלום!

מאָטעלע עפשטיין, 12 יאָר
7טער גראַד ב׳, שלום עליכם־שול
קאָנקורס־נומ׳ 21 סטימול־פּרעמיע

וואָס דערציילט דער כותל המערבי

דער כותל המערבי דערציילט אַ געשיכטע פון טויזנטער יאָרן, אַ געשיכטע פון אַ פאָלק, אַ געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק.

דער כותל המערבי, — דער איינציקער עדות פון דער גבורה פון די ייִדישע ייִנגלעך און מיידלעך, פון דער העלדישקייט מיט וועלכער אַ סך זיינען פון זיי געפאַלן מיט איין ציל: עס זאָל נישט פאַלן די ייִדישע קולטור, עס זאָל נישט ווערן אין דער גאַנצער וועלט אַ חרפה צו זיין אַ ייִד, אַז די פאַרפאָלגונגען זאָלן ווערן נעלם.

דער כותל המערבי, דער איינציקער וואָס לעבט און האָט געזען אונדזערע ביידע בתי־המקדשים פול מיט עולי־רגל, זאָגנדיק ברכות, לייענענדיק די תורה, וואָס איז אונדזער כבוד.

לאָמיר טראַכטן איין מינוט: אַזוי פיל מלחמות, אַזוי פיל טויטע, גרויסע, קליינע, אָבער דער כותל המערבי, נאָך צוויי טויזנט יאָר, איז ער ווידער אין אונדזערע הענט, און אַלטע קענען תפילה טאָן, און קליינע קענען לערנען ביים כותל למערבי.

דער כותל המערבי איז אין די צוויי טויזנט יאָר געווען אין אַזוי פיל הענט: טערקן, אַראַבער, ענגלענדער, אָבער בעסער ווי אין די הענט פון ייִדישן פאָלק קען דער כותל המערבי נישט זיין.

שמערקע קאַטשערגינסקי־קאָנקורס

פאַר יונגע ייִדישע שרייבערס

פון אַרגענטינע און שכנותדיקע לענדער

עס איז די שטרעבונג פון קולטור־קאָנגרעס צו סטימולירן באַגאַבטע יונגע מענטשן צו שעפערישער ליטעראַרישער אַרבעט, צו דעם צוועק איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער ליטעראַטור־פאָנד אויפן נאָמען פונעם טראַגיש־אומגעקומענעם דיכטער־פּאַרטיזאַן

דערציילונגען, לידער, עסייען, אויטאָביאָגראַפיעס און סצעניש שאַפונגען ווערן צוגעלאָזט צום יערלעכן קאַטשערגינסקי־קאָנקורס פאַר יונגע ייִדישע שרייבערס

דער קאַטשערגינסקי־קאָנקורס איז באַשטימט פאַר שרײַבער־אָנהייבערס פון אַרגענטינע, אורוגווײַ, באָליוויע, בראַזיל, טשילע און פּאַראַגווײַ יונגע מענטשן ביז 28 יאָריקן עלטער ווערן צוגעלאָזן צום ליטעראַרישן קאָנקורס פון קולטור־קאָנגרעס. אַ צאָל טאַלענטירטע שרײַבער־אָנפאַנגערס פון אַרגענטינע, אורוגווײַ און טשילע זײַנען שוין פּרעמירט געוואָרן אינעם קאַטשערגינסקי־קאָנקורס און די אויסגעצייכנטע שאַפונגען זײַנען אָפּגע־דרוקט געוואָרן אין דער זאַמלשריפט „יונגער דור“.

די פּרעמיע: 20.000 פּעזעס, צעטיילט אין דריי.

ביז סוף אַפּריל יעדעס יאָר דאַרף מען צושיקן די קאָנקורס־אַרבעטן. קאָנקורס־אַרבעטן דאַרף מען צושיקן צום קולטור־קאָנגרעס (אַזשאַקוטשאַ 483, ב. אײַרעס) אין צוויי עקזעמפּלאַרן, געצייכנט מיט אַ פּסעוודאָנים. אין אַ באַזונדערן קלענערן פאַרמאַכטן קאָנווערט דאַרף מען אָנגעבן דעם אמתן נאָמען פון יונגן מחבר, זײַן אַדרעס, פאָטאָ און ביאָגראַפישן סקיץ.

שענקט אייערע פריינד יידישע ביכער!

פארלאג פון קולטור־קאנגרעס

דובנאוו ש.: וועלט־געשיכטע פון יידישן פאלק 1—10
״ ״ געשיכטע פון חסידיזם 1—3
״ ״ דאס בוך פון מיין לעבן 1—3
ראוווידאוויטש ש.: שריפטן
לייוויק ה.: עסייען און רעדעס
מאן מענדל, מלחמה־טרילאגיע: ביי די טויערן פון מאסקווע
״ ״ ווען בערלין איז געפאלן
״ ״ ביי דער ווייסל
(ניגער־פרעמיע — 1966)
אלטמאן משה: געקליבענע ווערק
(ל. מ. שטיין־פאלקס ביבליאטעק)
בעל מחשבות: געקליבענע ווערק
דיק אייזיק מאיר: געקליבענע ווערק
וויסענבערג א. מ.: געקליבענע ווערק
ליעסין אברהם: זכרונות און בילדער
ד״ר זשיטלאווסקי חיים: געקליבענע ווערק
קולבאק משה: געקליבענע ווערק
רייזען אברהם: דערציילונגען
ראזענפעלד יונה: געקליבענע ווערק
שטערן ישראל: לידער און עסייען
שפיגל י.: ליכט פונעם אפגרונט
שפיגל י.: ווינטן און ווארצלען
וואלף לייזער: לידער
„יוגנטרוף״ — **אלוועלטלעכער יידישער יוגנט־זשורנאל**

צינבערג י. ד״ר: געשיכטע פון ליטעראטור ביי יידן 1—10
ניגער ש.: י. ל. פרץ
״ ״ קריטיק און קריטיקער
״ ״ יידישע שרייבער אין סאוועט־רוסלאנד
״ ״ בלעטער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור
״ ״ שלום אש, זיין לעבן, זיינע ווערק
ראפאפארט י.: תנ״ך־אימפראוויזאציעס (אויספארקויפט)
״ ״ זוימען אין ווינט
אשענדארף י.: לעצטע שריפטן
דאס טאג־בוך פון אנא פראנק
סוסקאוויטש ש.: די צווייג קוואלן פון מאראל
שאצקי י. ד״ר: אליהו בחור
ראזשאנסקי ש.: יעקב דינעזאן
אלמי א.: ספינאזא קאנטרא ספינאזא
„איינאיינעם״ — **זאמלביכער** 1—2
דערציונגס־ענציקלאפעדיע 1—3
לעקסיקאן פון דער נייער יידישער ליטעראטור 1—6
בלעטער פאר יידישער דערציונג
י. ל. פרץ: — 10 לידער (מיטן נאטן)
לידער פון געטא און וודערשטאנד (מיטן נאטן)

פארשיידענע ביכער פון אויסלענדישע פארלאגן:
(תל־אביב, פאריז, ניו־יארק)

צו אַלע פריינד פון דער יידישער קולטור

ווענדונג פון אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס

דער אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1948 אויף אַ לאַנד־צוזאַמענפאָר פון איבער 50 יידישע קולטור און בילדונגס־אינסטיטוציעס אין אַרגענטינע.

דער קולטור־קאָנגרעס זאָרגט פאַר דעם אויפהאַלט און דער פאַרשפּריי־טונג פון די גייסטיקע ווערטן פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום און דערלאָזט נישט, אַז זיי זאָלן פאַרגעסן ווערן נאָך דעם ווי די שעפער פון די דאָזיקע ווערטן זיינען אומגעקומען דורך דער נאַצישער פאַרניכטונג.

דער קולטור־קאָנגרעס קעמפט קעגן דער אַסימילאַציע דורך דעם וואָס ער סטימולירט און דערמוטיקט די יידישע שעפערישקייט פון אונדזער צייט אין דעם לשון פון דעם קדושים־פאָלק.

דער קולטור־קאָנגרעס האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן 16 בענדער פון אונדזער גרעסטן היסטאָריקער, דעם קדוש שמעון דובנאָוו, וואָס זיין „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק" איז אַ קוואַל פון גייסטיקער אינספּיראַציע און יידיש־נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין.

דער קולטור־קאָנגרעס גיט איצט אַרויס די צען־בענדיקע „געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן" פון דעם יחיד־במינודיקן היסטאָריקער ד״ר ישראל צינבערג, אַ ווערק וואָס איז ביים היינטיקן טאָג דאָס גרעסטע אין יידיש און העברעיש וועגן די ליטעראַטור־שאַפונגען פון יידן אין אייראָפּע.

דער קולטור־קאָנגרעס האָט געבראַכט צום יידישן לייענער די וויכטיקע און וואָגיקע ביכער פון ש. ניגער, דאָס באַרימטע ווערק פון ד״ר שמעון ראַווידאָוויטש און אַ ריי אַנדערע ווערק פון ווערטפולן אינהאַלט.

ביים קולטור־קאָנגרעס זיינען עטאַבלירט דריי פּרעמיעס פאַר הייגט־צייטיקע יידישע שרייבערס: 1) די ש. ניגער־פּרעמיע פאַר ווערק וואָס דער־שיינען אין דער גאַנצער יידישער וועלט, 2) די העקמאַן־פּרעמיע פאַר ווערק פון יידישע שרייבער אין דרום־אַמעריקע, 3) די ש. קאַטשערגינסקי־פּרעמיע פאַר יונגע שרייבער וועלכע ווייזן אַרויס ליטעראַרישע פעיקייטן.

יעדעס יאָר ווערט דורכן קולטור־קאָנגרעס דורכגעפירט אַ שילער־קאָנ־קורס פאַר די אָנפאַנגשולן און מיטלשולן וועלכע סטימולירט די תלמידים און די לערערס צו לערנען מיט מער פלייס די ליטעראַטור און געשיכטע פון אונדזער פאָלק.

דער קולטור־קאָנגרעס אָרדנט איין אין משך פון יאָר אַ ריי אונטערנע־מונגען פון הויכן ניוואָ אין שייכות מיט קולטור־דאַטעס און קולטור־געשעע־ניש אין יידישן לעבן.

די טעטיקייט פון קולטור־קאָנגרעס ווערט געפירט אונטער דער לאָזונג:

„נאָר אַ הויכע און ערנסטע קוואַליטעט אין דער קולטור־אַרבעט, קען דערוועקן דרך־ארץ צו דער יידישער קולטור און אַ ווילן זיך מיט איר צו באַהעפטן".

די חשיבות פון אונדזער אַקטיוויטעט, די וויכטיקייט פון אונדזערע טעטיקייטן לטובת דעם נאַציאָנאַלן אויפהאַלט פון יידישן לעבן, גיבן אונדז דאָס רעכט זיך צו ווענדן צו אייך מיט דעם רוף:

שליסט זיך אָן אין קולטור־קאָנגרעס, העלפט אונדז אין אונדזער אַרבעט, ווערט מיטגלידער און פּראָטעקטאָרן פון אונדזער און אייער יידישער קולטור־שעפערישער און קולטור־פאַרשפרייטערישער אינ־סטיטוציע.

„שמעון דובנאָוו - הויז"

אין בוענאָס - איירעס

אין דעם „שמעון דובנאָוו־הויז", וואָס דער קולטור־קאָנגרעס בויט אויף אַזשאַקוטשאָ 485/483, וועלן זיך געפינען:
אין פּאַרטער — אונדזערע ביוראָען.

אויפן ערשטן שטאָק — אַ זאַל פאַר פאָרלעזונגען און קולטור־אונ־טערנעמונגען.

אויפן צווייטן שטאָק — קאָנסולטאַציע־שטעלע פאַר יוגנטלעכע פאָרשער פון דער יידישער ליטעראַטור און יידישע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען אין דער נייער צייט.

אויפן דריטן שטאָק — ביבליאָטעק און ביכער־לאַגער.

מער נאָך, ווי מיר זאָרגן וועגן דעם אויפבוי פון אונדזער בנין, זאָרגן מיר פאַר דעם יידישן קולטור־אינהאַלט מיט וועלכן מיר דאַרפן אים אָנפילן.

העלפט אונדז מיט!

NUESTRAS EDICIONES EN IDISCH

Simón Dubnow: HISTORIA UNIVERSAL DEL PUEBLO JUDÍO (10 tomos)

Simón Dubnow: EL LIBRO DE MI VIDA (en 3 tomos)

Simón Dubnow: HISTORIA DEL JASIDISMO (3 tomos)

Dr. I. Zinberg: HISTORIA DE LA LITERATURA JUDÍA (10 tomos)

Simón Rawidowicz: ESCRITOS

S. Niger: I. L. PERETZ

S. Niger: CRÍTICA Y CRÍTICOS

S. Niger: SCHOLEM ASCH - SU VIDA Y SU OBRA

O. Rapoport: IMPROVISACIONES BÍBLICAS

O. Rapoport: ENSAYOS Y MEMORIAS

Israel Aszendorf: OBRAS PÓSTUMAS

Ana Frank: DIARIO

Salomón Suskovich: LAS DOS FUENTES DE LA MORAL

Dr. Jacobo Shatzky: ELIE BOCHUR (ELÍAS LEVITA)

Samuel Rollansky: JACOB DINESON

A. Almi: ESPINOSA CONTRA ESPINOSA

"Ineinem": ESCRITOS (2 tomos)

I. L. Peretz: 10 POESÍAS Y MÚSICA

Lewin Boleslao: MÁRTIRES Y CONQUISTADORES JUDÍOS EN LA AMÉRICA LATINA.

de latinoamérica. 3) El premio S. Kaczerginsky para escritores noveles que demuestran talento literario.

Además, la Asociación Pro Cultura Judía realiza anualmente un concurso entre los alumnos de las escuelas primarias y secundarias cuyo fin es estimular a los alumnos y a los maestros para que profundicen con mayor ahinco en la literatura e historia de nuestro pueblo.

La Asociación Pro Cultura Judía organiza una serie de actos de alto nivel, íntimamente vinculados a acontecimientos y aniversarios culturales de la vida judía.

La actividad que desarrolla la Asociación Pro Cultura Judía se halla inspirada bajo el siguiente lema:

"Sólo una profunda y seria capacitación en la labor cultural, puede despertar respeto por la cultura judía y una firme voluntad para identificarse con ella."

La valiosa actividad que desarrollamos, la importancia de nuestra labor en favor del patrimonio nacional judío, nos da derecho para dirigirnos a Ud. con el siguiente llamado:

Adhiérase a la Asociación Pro Cultura Judía, colabore con nuestra tarea, asóciese a nuestra institución que es el pilar fundamental en la difusión de los más altos valores culturales judíos.

En la **"Casa Simón Dubnow"** que la Asociación Pro Cultura Judía está construyendo en la calle Ayacucho 483/85, tendrán cabida las siguientes dependencias:

En la planta baja: **las oficinas y sala de sesiones.**

En el primer piso: **salón de conferencias.**

En el segundo piso: **centro de consulta para investigación literaria e historia judías.**

En el tercer piso: **biblioteca y depósito de libros.**

A TODOS LOS AMIGOS DE LA CULTURA JUDIA

La Asociación Pro Cultura Judía en la Argentina fue fundada en el año 1948 en una Convención Territorial en la que participaron 50 instituciones de educación y cultura judía en Argentina.

La Asociación Pro Cultura Judía brega por el mantenimiento y la difusión de los altos valores espirituales del judaísmo del este europeo, procurando evitar por todos los medios que los mismos sean olvidados después que los creadores de los mencionados valores quedaron exterminados por la barbarie nazi.

La Asociación Pro Cultura Judía lucha contra la asimilación a través de distintos medios; fomenta y estimula la creación judía contemporánea en la lengua del pueblo-mártir.

La Asociación Pro Cultura Judía ha editado hasta la fecha 16 tomos de la obra de nuestro más grande historiador, Prof. Simón Dubnow, cuya "Historia del Pueblo Judío" es una fuente de inspiración espiritual y conciencia nacional judía.

La Asociación Pro Cultura Judía edita en estos momentos la obra en 10 tomos del insigne historiador Dr. Israel Zinberg "Historia de la literatura judía" obra que es conceptuada como la máxima creación literaria de los judíos en Europa, en idish y en hebreo.

La Asociación Pro Cultura Judía también ha presentado al lector judío las importantes obras de Samuel Niger, la famosa obra del Dr. Simón Rawidowicz y otra serie de títulos de incalculable valor.

La Asociación Pro Cultura Judía otorga anaulmente 3 premios a escritores judíos contemporáneos: 1) El premio Samuel Niger para obras aparecidas en todo el mundo judío. 2) El premio Josef Hekman para obras de escritores judíos

Se terminó de imprimir en el mes de octubre de 1967, en los Talleres Gráficos "Zlotopioro Hnos." S. R. L., calle San Luis 3149, Buenos Aires.

14 CONCURSO ESCOLAR ANUAL

1967

ASOCIACION PRO CULTURA JUDIA
CASA SIMON DUBNOW

14 Concurso Escolar Anual

1 9 6 7

ASOCIACION PRO CULTURA JUDIA
CASA SIMON DUBNOW
Ayacucho 483/485 Tel. 49 - 0080